**גאווערנער קעטי האָקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/25/2022

**גאווערנער האָקול טראַגט אָן נאָך שריטן אויף סטעיט ביקס געזעצן אויף די שפורן פון טויטליכע מאסן שיסעריי ביי טעקסאס עלעמענטערי-סקול**

***גאווערנער האָקול: "וויאַזוי קומט אן 18-יעריגער איינצוקויפן אן AR-15 אין דעם סטעיט ניו יארק, סטעיט טעקסאס? דער פארשוין איז נאכנישט אלט גענוג צו קויפן לעגאל א געטראנק. איך וויל ארבעטן מיט'ן לעגיסלאטור דאס צו ענדערן. איך וויל עס זאל זיין 21. איך האלט אז דאס איז פשוטע פארשטענדליכקייט."***

***פאראַרדענט סטעיט פאליציי צו העכערן זעבארקייט ביי סקולס פאר עקסטערע פארזיכטיגקייט, ברענגט צונויף עמערדזשענסי זיצונג פון סקול זיכערהייט פארבעסערונג טיעם.***

***גיבט אַפּדעיט איבער רעוואלווער כאַפּן נאָך דאס שאַפן אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומלעגאלע ביקסן אין יאנואר***

***סטעיט פאליציי אומלעגאלע רעוואלווער פארכאַפּן ביז 60 פראצענט פער חודש, האבן אויסגעפירט 299 ביקס נאכשפירן אויספארשונגען וואס פאראורזאכט אין נאכשפירונגען אין 22 סטעיטס***

***באלד 4,000 רעוואלווערס זענען פארכאַפּט געווארן דורך אלע ניו יארק געזעץ אינפארסיר אגענטורן אין 2022***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט אנגעטראגן נאך שריטן צו פארשטערקערן און פארשליסן לוּפּ-האָולס אין סטעיט רעוואלווער געזעצן אויף די שפורן פון א שרעקליכע מאסן שיסעריי אין טעקסאס וואס האט אומגעברענגט די לעבנס פון וויניגסטנס 21 מענטשן — אריינגערעכנט 19 עלעמענטערי-סקול קינדער. צוליב עקסטער פארזיכטיגקייט טוט גאווערנער האָקול פאראַרדענען סטעיט פאליציי אויף צו העכערן אנזעעוודיגקייט ביי סקולס אין זייער באוואכונג ערטער איבער'ן סטעיט. די געהעכערטע אנוועזנהייט רעכנט אריין טשעק-אינס ביי סקולס צו ווערן אויסגעפירט דורך פאליציי סיי אין אוניפארם און סיי אין געווענטליכע קליידונג. דער באמיאונג וועט פארזעצן ווייטער ביז'ן ענדע סקול יאר.

פריער דאס יאר, האט גאווערנער האָקול צוזאמגעברענגט אן עמערדזשענסי זיצונג פון דער סטעיט'ס סקול זיכערהייט פארבעסערונג טיעם (SSIT), וועלכע נעמט אריין די סטעיט פאליציי, סטעיט בילדונג דעפארטמענט, דיוויזיע פון הײמלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס און די אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס. די זיצונג איז געהאלטן געווארן צו פארזיכערן אז אלצדינג וואס מעגליך ווערט געטון צו שטיצן סקול זיכערהייט לענגאויס דעם סטעיט. דער SSIT איז געשאפן געווארן אין 2013 נאכפאלגנדיג דער טראגעדיע ביי סענדי הוּק עלעמענטערי-סקול. דער טיעם ארבעט צו שטיצן די זיכערהייט פון סקולס און פארזיכערן אז יעדער האט די פאסיג זיכערהייט פראטאקאלן און פראצעדורן אין פלאץ.

גאווערנער האָקול פאָראָרדענט פענער צו בלייבן אויף האַלב-הייעך אויף צו פאַרעהרן די קרבנות פון דער טעקסאַס שיסעריי. פענער וועלן בלייבן אויף האַלב-הייעך ביז מיטאָג אום מאָנטאָג, מאי 30.

"די שוידערליכע שיסעריי פון 19 קינדער און צוויי לערער אין טעקסאַס, נישט נאָר צוויי וואָכן נאָך די מאַסן מערדעריי פון צען ניו יאָרקער אין באַפעלאָ, איז ווידער נאָך א דערצערנדער דערמאָנונג איבער די מכה פון רעוואָלווער געוואַלד-פאַרברעכן וואָס אונזער לאַנד האָט אויסצושטיין," **האָט גאווערנער האָקול געזאָגט.** "די זענען טריט וועלכע מיר וואָלט נישט געדאַרפט געצווינגען זיין צו נעמען, אָבער איך ברענג צוזאַם אַן עמערדזשענסי זיצונג פון דער סטעיט'ס סקול זיכערהייט פאַרבעסערונג טיעם און איך פאָראָרדען די סטעיט פאָליציי צו העכערן אַנזעעוודיגקייט ביי סקולס זיכער צו מאַכן אַז מיר טוען אַלצדינג וואָס מעגליך אָפּצוהאַלטן דער נעקסטער טראַגעדיע. מיין אַדמיניסטראַציע וועט פאָרזעצן ווייטער צו אַרבעטן צו פאַרשטערקערן די רעוואָלוועער געזעצן אין אונזער סטעיט און לייגן א סוף צו די שרעקליכע שריטן, כדי אַז יעדער — פון סקול קינדער ביז די וועלכע קויפן איין גראָסערי פּראָדוקטן צו די וועלכע באַזוכן געבעט הייזער — קען וואוינען אָן קיין מורא אַז זייערע לעבנס וועלן אָפּגעשניטן ווערן דורך א גריגס-וואָפן."

פאַריגע וואָך, אַלס א דירעקטער אָפּרוף צו דעם ווייסן סופּרעמאַסיסט טעראָר אַקט וואָס האָט אומגעברענגט 10 נפשות ביי א סופּערמאַרקעט אין באַפעלאָ, האָט גאווערנער האָקול אויפגעדעקט א גרונטליכער פּלאַן צו באַקעמפן די אַנגייענדע אויפשטייג פון אין-לאַנדישע טעראָריזם און עקסטרעמיסטישע געוואַלד-פאַרברעכנס, פאַרשטערקערן סטעיט רעוואָלוועער געזעצן און זיך נעמען שטרענג אויף סאָושעל מידיע פּלאַטפאָרמען וועלכע שטעלן צו אַן אָרט און הייבן די שטימע פון אינהאַלט וואָס מוטיגט אָן מאַכט באַקאַנט געוואַלדפאַרברעכערישע שריטן.

דער פּעקל נעמט אַריין דאָס אַריינגעמען צוויי הויפּט עקזעקיוטיוו באַפעלן. דער ערשטער עקזעקיוטיוו באַפעל וועט אוועקשטעלן א נייע איינהייט אינערהאַלב די אָפיס פון קאָנטער-טעראָריזם געווידמעט בלויז צו דאָס אָפּהאַלטן אין-לאַנדישע טעראָר, און גלייכצייטיג אוועקשטעלן א געווידמעטע סטעיט פּאָליציי איינהייט אויף נאָכצושפּירן אין-לאַנדישע עקסטרעמיסטישע געוואַלד-פאַרברעכנס דורך סאָושעל מידיע. דער צווייטער עקזעקיוטיוו באַפעל וועט פאָדערן פון סטעיט פּאָליציי איינצוגעבן פּאָר אַן עקסטרעמע ריזיקע באַשיצונג באַפעל (ERPO) אונטער ניו יאָרק סטעיט'ס 'רויטער פאָן' געזעץ ווען אימער זיי זעען א מעגליך פאַרדעכטיגטע פאַרשוין דראָעט זיך זעלבסט ציי אַנדערע.

אַלס טייל פון דעם פּעקל דרוקט גאווערנער האָקול אויך א סעריע לעגיסלאַטיווע מאָסנאַמען געאייגנט אויף צו העלפן געזעץ אינפאָרסירונג אויסצופאָרשן און פאַרמיידן רעוואָלוועער-פאַרבינדענע פאַרברעכנס. די גאווערנער טראָגט אָן נייע לעגיסלאַציע צו פאַרמאַכן דעם "אַנדערער רעוואָלווער" לופּ-האָל דורך ענדערן און פאַרברייטערן דאָס באַדייט פון שיס-געווער, צו מאַכן מער ביקס אונטערגעוואָרפן די פאַרשידענע ערליי עקזיסטירנדע שיס-געווער געזעצן.

גאווערנער האָקול אַרבעט מיט דער לעגיסלאַטור דורכצופירן צוויי בילס צו אַדרעסירן און גלאַטיגער מאַכן די אויספאָרשונג פון רעוואָלוועער-פאַרבינדענע פאַרברעכנס. דער ערשטער וועט אוועקשטעלן א פּראָצעס צו פאָדערן סעמי-אויטאָמאַטישע ביקסן פאַבריצירט אָדער געליפערט צו געלייסענס'טע הענדלער אין ניו יאָרק צו ווערן מייקראָסטעמפּינג-פעאיג. די צווייטע שטיקל לעגיסלאַציע וועט שטערקער מאַכן רעוואָלוועער באַריכטונג פּראָטאָקאָלן דורך פאָדערן פון אַלע געזעץ אינפאָרסיר אַגענטורן צו באַריכטן דאָס צוריקבאַקומען סיי וועלכע רעוואָלוועער אינערהאַלב 24 שעה פון זייער געפונען.

רעדנדיג היינט ביי דעם צווייטן זיצונג פון דעם אינטראַ-סטעיט רעוואָלווער-נאָכשפּיר קאָנסאָרטיום ביי דעם ניו יאָרק סטעיט אינטעליגענץ צענטער אין איסט גרינבוש, האָט גאווערנער האָקול אויך צוגעשטעלט

אן אפדעיט אויף געזעץ אינפארסירונג באמיאונגען אפצורימען רעוואלווערס פון אונזערע גאסן. דאס פארכאפן רעוואלווערס דורך סטעיט פאליציי זענען געשטיגן 60 פראצענט פער חודש זינט דער יאנואר אנהייב פון דעם אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומלעגאלע רעוואלווערס. אין 2022, האבן סטעיט פאליציי פארכאפט 513 רעוואלווערס. אין סך הכל, אין לויף פון די צייט, האבן געזעץ אינפארסיר אגענטורן איבערן סטעיט האבן פארכאפט אומגעפער 4,000 רעוואלווערס, אריינגערעכנט איבער 250 באהאלטענע רעוואלווערס.

**ניו יארק סטעיט שיס-געווער פארכאפט, יאנואר ביז מאי** 2022

| | **יאנואר** | **פעברואר** | **מערץ** | **אפריל** | **מאי ביז היינט** | **סה״כ (YTD)** |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **NYSP שיס-געווער פארכאפט** | 72 | 96 | 157 | 106 | 82 | 513 |
| **נישט-NYC שיס-געווער פארכאפט** | 269 | 367 | 327 | 395 | 185 | 1,543 |
| **NYC שיס-געווער פארכאפט** | 436 | 372 | 472 | 372 | 253 | 1,905 |
| **סך הכל NYS שיס-געווער פארכאפט** | 777 | 835 | 956 | 873 | 540 | 3,961 |

*מיט ציפערן טעגליך גע'אָפּדעיט, איז מעגליך אז די צאל רעוואלווערס פארכאפט אין מאי וועט זיך קענען ענדערן. טאוועל צייגט רעוואלווערס פארכאפט ביז מאי 22.*

אין צוגאב זענען פאר ווייטער די סטעיט פאליציי זייערע אגרעסיווע רעוואלווער-נאכשפיר באמיאונגען. אין 2022, האבן די סטעיט פאליציי דורכגעפירט 299 רעוואלווער נאכשפיר אויספארשונגען. פון די פעלער האבן זיי ווייטער געשיקן 53 אויספארשונג געפירט צו 22 סטעיטס. די פעלער פארטרעטן מענטשן פון אנדערע סטעיטס וועלכע זענען ארעסטירט געווארן אין ניו יארק פאר אומלעגאל פארמאגן אדער האנדלען אין שיס-געווער.

אין צוגאב צו סטעיט פאליציי, דער דעפארטמענט פון קארעקשענס און קאמיוניטי אויפזיכט און די אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס, האבן זיך באטייליגט אין מיטוואך׳ס צווישן-סטעיטיגע רעוואלווער קאנסארטיום זיצונג פארשטייער פון דער ביורא פון אלקאהאל, טאבאקא, שיס-געווער און אויפרייס מאטריאל, דער יו-עס אטוירני׳ס אפיס, דער אפיס פון אטוירני גענעראל, דער ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט, די פארט אויטאריטעט פאליציי דעפארטמענט און פארשידענע ערליי ארטיגע געזעץ אינפארסיר אגענטורן און דיסטריקט אטורניס.
די גרופע האט דורכגערעדט לעצטנסדיגע דאטא איבער רעוואלווער פארכאפט און לעצטנסדיגע סטראטעגיעס אפצורימען אומלעגאלע רעוואלווערס פון די גאסן און באשיצן ניו יארקער.

גאווערנער האוקול האט געשטעלט אלס א הויפט-וויכטיגן ציל דאס פארשטערקערן קאארדינאציע צווישן געזעץ אינפארסיר אגענטורן ביי יעדן שטאפל און לענגאויס פארשידענע ערליי סטעיטס, צוזאמברענגען די אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומלעגאלע רעוואלווער אין יאנואר אויף מיטצוטיילן אינטעליגענץ, מיטלען, טאקטיקן און סטראטעגיעס פאר באקעמפן רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס, איבערהויפט ווי עס איז פארבינדן מיט שיס-געווער האנדלעריי צווישן סטעיטס. דער טעסק פאָרס באשטייט פון איבער 50 געזעץ אינפארסירונג פארשטייער פון ניין צפון-מזרח סטעיטס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418